שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ ״אחד״

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה״צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט״א

מאמר

## ׳ואני אבטח בך׳

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר כ״ג

חודש חשון שנת תשפ״ד לפ״ק

# פרנס החודש

הרבני הנגיד והנכבד, איש ישר וטוב לב, לבו ער לכל דבר שבקדושה,
רחים ומוקיר רבנן, ואיהו גופיה צורבא דרבנן ה"ה
הרב **אלתר שמואל סטפנסקי** שליט"א
מו"ל הרבה ספרי מורינו הגה"צ שליט"א

לרגל נישואי בנו הבה"ח **משה** למז"ט ובשעטו"מ
עב"ג בת מוה"ר **סיני שפיטצער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזיווג יעלה יפה
יפה, ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, דורות ישרים
ומבורכים, ואך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם,
לתפארת משפחתם החשובה, עדי נזכה
לביאת משיח צדקינו בב"א

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©
כל הזכויות שמורות

מכון דורשי יחודך
מורינו הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א

נסדר לדפוס ע"י:
ישר Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


בוודאי לא יעזוב אותו .......... א
"אָהַבְתִּי אֶתְכֶם" - יעדער איד! .......... ג
מען לאזט קיינעם נישט אויס .......... ה
עד ירידה התחתונה שאין ירידה אחריה .......... ז
בטחון ברוחניות .......... י
בטחון – אפילו אביסעלע .......... יא
"אפילו רשע הבוטח בה'" .......... יד
ה' אחד – אין עוד מלבדו! .......... טו
"וְיִבְטְחוּ בְךָ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ" .......... יז
דאס ליכטל דערציילט... .......... יט
פארוואס דארף מען אלעמען שטראפן? .......... כא
"אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" .......... כב
יעדער איד איז דורש יחודך .......... כג
שפירן דעם אויבערשטן .......... כד
עס זאל דיר נישט אַרן .......... כז
טראכט נישט צוריק .......... כט

# מאמר כ"ג

## "ואני אבטח בך"

**בוודאי לא יעזוב אותו**[א]

אין דעם צווייטן "אלף-בית" אין "משיבת נפש", אות ב', זאגט דער רבי:

**"צָרִיךְ הָאָדָם לְחַזֵּק עַצְמוֹ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל אַף אִם הוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא וְיִסְמֹךְ עַל רַחֲמָיו יִתְבָּרַךְ הַמְרֻבִּים מְאֹד בְּלִי שִׁעוּר, כִּי בְּוַדַּאי לֹא יַעֲזֹב אוֹתוֹ אַף אִם עָבַר מַה שֶּׁעָבַר".**

דאס איז דאך ידוע, אז דער דרך הבעל דבר איז אז ווען א מענטש איז עוסק אין עבודת ה', ער איז עוסק אין תורה און תפילה און אין מצוות, און כל שכן אז א מענטש באנייט זיך אין עבודת ה' אדער ווען ער הויבט אָן איבער א נייעס צו זיך דערוויסן אז אויף 'דעם' איז מען אראפ אויף דער וועלט, און ער גייט מקורב ווערן צום אויבערשטן, ווייזט אים אויף דער בעל דבר זיין שפלות און זיינע עוונות חטאים ופשעים, און ער נעמט אים צו דאס גאנצער חיות פון זיין עבודה!

און אפילו דער הייליגער רבי גיט דאך אזויפיל דיבורים אז מען זאל דינען דעם אויבערשטן אפילו אָן חיות און נישט קוקן (על הסתת היצר), און נישט טוהן קיין שלעכטס נאר טוהן גוטס, לערן, דאווען, ווייל דאס אלעס וועט סוף-כל-סוף ווערן פול מיט חיות, אלעס וועט ווערן פול מיט 'זיו השכינה' - נישט קוקן אויף דעם.

---

**א.** שיעור בספה"ק משיבת נפש, חלק ב', אות ב'.

אבער דער בעל דבר נעמט צו פון א מענטשן דאס חיות, דער מענטש באקומט א געוואלדיגער 'חלישות הדעת' פון דעם, אז ער שפירט – ער (הבע"ד) רעדט אים איין - אז זיין עבודה איז נישט ווערד.

און עס איז דא אנדערע וואס זיי פאלן אראפ, אז זיי הערן אויף צו לערנען און דאווענען ממש מחלישות הדעת וואס עס גייט איבער.

ווער ווייסט וואספארא שווערע תקופות קען אריבערגיין אויף דעם מענטשן, וואס אז מען זאל אים פרעגן פארוואס ער לערנט נישט און ער דאווענט נישט, (אזי הסיבה), באהאלטענערהייט איז דא א געוואיסער יאוש וואס דער בעל דבר האט אים מייאש געווען. און אפילו ער נעמט זיך, ער באנייט זיך צוריק, **אדערוווייל האט דער בעל דבר רוכש געווען אזויפיל גזילת הזמן וואס דאס איז אַן הפסד עולמי! אַן הפסד נצחי!**

א מענטש איז דאך אראפ אויף דער וועלט אנצופילן די מספר שנים וואס ער דארף זיך דא געפינען, מיט תורה און מיט תפילה, מיט 'סור מרע ועשה טוב', מיר טארן דאך נישט שלאפן אויף דער וועלט, מיר דארפן דאך גיין ווייטער - און דער בעל דבר פארדינט.

פאר אנדערע מאכט ער אָן אזויפיל חלישות הדעת, אז ער ווארפט אים אריין רחמנא לצלן 'עשר אמות אחורנית' אין שאול תחתיות - דער אויבערשטער זאל אפהיטן, דאס אלץ פארדינט ער פון דעם חלישות הדעת.

דער הייליגער רבי, קען מען זאגן, 'שִׁנֵּס מתניו' מיט כל הכוחות, און מיט אחריות מלאה (געשריגן) אנטקעגן: **נישט הערן דעם בעל דבר! נישט הערן!**[ב] דער הייליגער רבי ווייסט אלע זיינע טענות - אפילו ער איז עס מלַבש אין חז"ל'ן און אין פסוקים[ג].

---

**ב.** עיין בספר 'יומם' (שנת תשע"ו) וז"ל מורינו שליט"א: והנה בעינינו אנו רואים בריבוי ספריו של רביה"ק מלאים בכל מיני חיזוק, ורבינו התבטא בכל-כך הרבה לשונות של חיזוק עד

## "אָהַבְתִּי אֶתְכֶם" - יעדער איד!

דער רבי זאגט טאקע אויך מפורש אין אנהויב דא אין ליקוטי מוהר"ן, אין סימן מ"ח-מ"ט[ד]: **"לפי גדלות הבורא"** - אויף יעדעס (תנועה) וואס מען טוהט אנטקעגן דעם אויבערשטן **"היה ראוי לאדם לבוא עליו מה שראוי"**. אבער דער אויבערשטער איז א רחום וחנון, ער האט אונז שטארק ליב, דער אויבערשטער פירט זיך מיט אונז מיט גרויס רחמנות, לפנים משורת הדין, בלי שיעור. אזוי ווי

---

כדי כך שאין מי שיכול לומר כי למצבו הגרוע כל כך לא נכתבו דברי חיזוק הללו, והבע"ד לא יוכל בשום פנים ואופן לומר לו שלא אליו מכוונים הדברים (דיר מיינט מען נישט) ואפסה תקוותו ואין לו יותר שום דרך לשוב אל השי"ת, כי הבע"ד בעוצם גודל ערמומיותו יכול לשכנע אפילו אדם כשר ויר"ש שהוא רשע גמור, ואין לו שום תיקון.

אכן רבינו ידע כל זאת, והיה לו רחמנות על כלל ישראל ולכך זעק מנהמת ליבו "אידן זייט אייך נישט מיאש", אל תעזבו את ה' (לאזט נישט אפ דעם אויבערשטן) ומהיכן שאתה שקוע אם אך לא תתיאש ותאחז בה' כפי יכולתך אזי תגיע בסוף לתיקונך הנפלא והמושלם.

**ג.** עי' עלים לתרופה (מכתבי מוהרנ"ת) מיום ב' ואתחנן תק"צ, אדעס, מש"ש לבנו: "ואל תשגיח על שום חלישות הדעת שנכנס בלבך, **ואל תשמע לדברי מוסר של הבעל דבר והסטרא אחרא, האומרים מוסר בלב בשביל להחליש הלב ולרחק ממעט הטוב שרוצים לתפוס בו, לא תאבה ולא תשמע להם**, כי אין שומעין דברי תוכחה ומוסר כי אם לקרב ולא לרחק חס ושלום, כאשר כבר דברתי עמך הרבה בזה (עי' ליקוטי הלכות הל' בכור בהמה טהורה ה"ד אות כ"ז) שכל כונת ה"ראשית חכמה" ושאר ספרי מוסר שמוכיחים ומבזים הרבה את האדם, אין כונתם להתרחק מהשם יתברך כי אם לקרב. ויותר מזה צריכין לשום לב בכל עת להבין בעצמו שלא יגיע חס ושלום שום התרחקות והתרשלות על ידי התוכחה ומוסר שנכנס בלב, **כי יכול להיות שהתעוררות התוכחה ומוסר שבא על הלב הוא מהקדושה מהכרוז היוצא בכל יום, אבל הבעל דבר אורב תמיד על האדם**, ובכל המחשבה דיבור ומעשה שעוברים על האדם יש בהם שני בחינות דהיינו סם חיים וסם מות כמו שאמרו רז"ל ושמתם זכה וכו', **על כן על פי הרוב מהפך דברי אלקים חיים, ורוצה דייקא על ידי זה לרחק ולרשל לב האדם חס ושלום**, על כן צריכין לשום לב לזה היטב, **וכבר מבואר אצלנו כמה עצות איך להינצל ממנו"**.

**ד.** וז"ל בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ט: **"לפי גדלות השי"ת ועוצם רוממותו יתברך, בתנועה קלה בעלמא ובהסתכלות בעלמא, שאינו כראוי לפי כבודו יתברך, היה ראוי לבוא על האדם מה שראוי, ח"ו ח"ו**, אך השי"ת מלא רחמים, וכל העולם מלא רחמנות, והוא רוצה מאד בהעולם. על כן צריך לחזק עצמו מאד בעבודתו בכל מה שיוכל, אף אם הוא כמו שהוא. **ויסמוך על רחמיו המרובים מאד בלי שיעור**, כי בוודאי לא יעזוב אותו, אף אם עבר מה שעבר".

דער רבי זאגט: "**רחמיו המרובים בלי שיעור**". איז זאל ער זיך סומך זיין אויף 'רחמיו'. מען זאל נישט קוקן און מען זאל נישט פרעגן.

דער רבי האט געוואוסט וואס ער רעדט, **קוק נישט! טוה! פאלג נישט דעם בעל דבר וואס ער ווארפט דיר אראפ און ער איז דיר מחליש דעת!**

און דאס איז טאקע מגודל רחמנות וואס דער רבי האט געהאט אויף יעדער אידישער נשמה! ער האט געוואוסט וואס דער בעל דבר מאכט, ער איז מזיק לעולמים 'רחמנא לצלן' דורך דער חלישות הדעת. דערפאר איז דער רבי ארויס גאר שטארק מיט א מלחמה אנטקעגן דעם, עַד (- ביז פאר) די נשמות פון היינט, מרוב רחמנות וואס דער רבי האט אויף 'כל אחד' - אויף 'כל נשמה ונשמה של ישראל' און מרוב השגה אין דעם וואס דער אויבערשטער רעדט - וואס דער הייליגער רבי האט געוואוסט די גרויסקייט פון אידן און דאס ליבשאפט וואס דער אויבערשטער האט צו יעדן איד - אז "**אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה'**"[ה] **גייט אויף יעדן איינעם – אויף כל אחד מישראל!**[ו]

מען זאל עס וויסן; דער זוהר הקדוש זאגט[ז], **ווען א מענטש ווייסט ווי דער אויבערשטער האט אים ליב, וואלט ער געברומט צום אויבערשטן אזוי ווי די לייבן!**

---

ה. מלאכי א, ב.

ו. עיין אוסף מכתבים (חלק א' מכתב ע"א) מה שהעיד מורינו שליט"א על עצמו ברוב ענוותנותו, וז"ל: כי תאמין לי אחי מה שעובר עלי בחיצוניות, אשר אי אפשר לתאר את זה בכתב, כי מתחילין עיני לזלוג דמעות, וכו'.

**ועל כל זה, המלחמה הפנימית שלי ביני לבין עצמי היא איומה ונוראה, אשר זה אין יודע כי אם השם יתברך לבד, עד אשר כמעט ברור אצלי שאין איש בעולם אשר מרוחק מהשם יתברך כמוני, ואין אני רואה דרך של ישועה על פי דרך הטבע, וכל ההתחזקות הוא רק מזה שזכיתי לספוג קצת מספרי רבינו הקדוש ומוהרנ"ת, שמשם הרגשתי אמונתו יתברך שעד אין קץ ואין תכלית, למעלה למעלה מדרך הטבע ומשכל האנושי, ואין שום שבירה שאין לה תיקון, ואין שום ריחוק שאין לה קירוב.**

ז. פר' בלק, דף קצ"א.

און דאס איז אויך 'בכלל ההסתרה ובכלל ההעלמה' (שאין יודעים מזה). און אויף דעם איז כמעט דער רבי דער לוחם האמיתי, מיט אחריות מלאה - **נישט צוהערן! נישט צוהערן, נישט צוהערן!**

ממשיך זיין דער עבודת השם בלי שום חשבון, **מען זאל נישט גלויבן קיין איין חשבון וואס דער בעל דבר איז אים מונע פון עבודת השם!**

## מען לאזט קיינעם נישט אויס

טאקע דער רבי, חוץ פון די דיבורים וואס ער האט אונז איבערגעלאזט, האט ער אריינגעשיינט סיי בדיבור און סיי ברמיזה אין רבי נתן'ען - - מען זעהט אז עס איז דא ספרים הקדושים פון חיזוק - מען דארף דאך האבן חיזוק אָן א שיעור סיי אין גשמיות און סיי אין רוחניות, אבער גלייך ווען מען זעהט דער חיזוק, איז גלייך (צוריק) צום אלטן; אז מען הויבט איר אָן נוצן פאר עבודת השם, קומט דער בעל דבר מיט א געזונטן פשעטל, און פשעטל'ט אים אויס אז נישט, דו נישט, דו נישט! נישט פאר דיר!

אבער רבי נתן האט לשונות וואס ער איז מקיף, ער לאזט קיינעם זיך נישט ארויסדרייען; ער האט מקבל געווען פון דעם הייליגן רבי'ן אזעלכע דיבורי חיזוק און אזעלכע דיבורים אמיתיים אז ער לאזט נישט ארויס קיינעם אין דער וועלט אויף אלע אופנים וואס דאס איז! ער האט דאס מקבל געווען פון רבי'ן[ח].

---

**ח.** לדוגמא, עי' עלים לתרופה מכתב מיום א' ראה תקצ"ג, מש"ש לבנו בתו"ד: "באמת לא דבר ריק הוא להתחזק איך שהוא איך שהוא כי זה העיקר, **ובזה תלוי כל היהדות**; כי הרבה נפשות מאד שקעו רחמנא לצלן על ידי היאוש שלהם, אשר **לכל אחד נדמה שירידתו גרוע מכל העולם** וכיוצא במחשבות אלו, ואף על פי שהיו חכמים קצת לא הועיל להם חכמתם אדרבא חכמתם קלקלה להם ביותר רחמנא לצלן, והנה מאחר שתהילה לאל בחסדו הגדול יתברך דבריו הקדושים עשו פירות בלבך על כן חזק בני וחזק יותר ויותר, ותאמין שכך הוא האמת לאמיתו כמו שכתבת שכוונתו זכרונו לברכה היה עליך דייקא, **ואפילו על הגרועים הרבה יותר** רחמנא לצלן. ולמען השם תקיים בכל עת "מבטן

דער רבי האט אים טאקע געזאגט[ט]: "אוואו דו שרייבסט וועגן אמונה, וועגן התחזקות, זאלסטו נישט קארגן דיין פען, דו זאלסט געבן (- לאזן גיסן טינט)!" ווייל דער רבי האט געוואוסט ווי ווייט מען דארף דאס האבן, דאס איז די גאנצע גאנצע גאולה! די גאנצע גאולה וועט קומען צוליב דעם, דאס גאנצער יהדות![י]

לכאורה, וואס איז איבערגעאנגען אויף אידן, וואס איז איבערגעאנגען אויף אידן... (- זה אי אפשר לשער במוחנו כלל!). איז טאקע אט דאס, די חיזוק וואס ליגט טאקע ביי אידן אין די בלוטן, וועגן דעם זענען מיר 'געבליבן' אידן!

וועגן דעם וועלן מיר 'בלייבן' אידן!

וועגן דעם וועלן מיר אויספירן ווי עס דארף צו זיין אז די וועלט איז דעם אויבערשטנ'ס מלוכה! **נאר בכח ההתחזקות!**

---

שאול שועתי" וכו', כאשר שמעתי מפיו הקדוש שאמר שזה העיקר (שיחות הר"ן ש"ב)". וב"ליקוטי הלכות" הל' ציצית ה"ג, אות כ"ב: **"כל אחד שנפל למקום שנפל נדמה לו שעליו אינם נאמרים דברים האלה כי נדמה לו שעליו אינם נאמרים רק לגדולים במעלה העולים בכל פעם מדרגא לדרגא אבל באמת תדע ותאמין, כי כל דברים אלו נאמרים גם על הקטן שבקטנים והגרוע שבגרועים, כי השם יתברך טוב לכל תמיד"** (ע"פ משיבת נפש). גם עיי"ש הל' גביית חוב מיתומים ה"ג, אות י"ז: "אף על פי שכבר זכרנו בזה הרבה בעזרת השם אף על פי כן עדיין צריכין למודעי **כי לכל אחד נדמה שעליו אין אנו מכונים בדברינו**, כי הוא יש לו מניעות כאלה ונתפס בתאוותיו ובמצודתו כל כך עד שלאיש כמותו אי אפשר עוד לשוב באמת להשם יתברך, כי כבר נלכד ימים ושנים הרבה במה שנלכד עד אשר לא יאמין שוב מני חושך, **כך נדמה לכל אחד. ורביז"ל היה קורא תגר על זה מאד ואמר בזה הלשון: "אהה! לבל תתיאשו עצמכם"**, ובלשון אשכנז: **"גיוואלד זייט אייך ניט מיאש"** ומשך מאד תיבת גיוואלד, כי באמת הכל יכולין לזכות להתקרב להשם יתברך".

**ט.** עי' שיש"ק החדש ח"ב, אות קע"א.

**י.** עי' ליקוטי הלכות הל' מעקה ה"ד, אות ב'-ג': **"עיקר היהדות תלוי בהתחזקות** שהוא בחינת עזות דקדושה, שכל מי שמחזק את עצמו בכל פעם **אפילו כחוט השערה**, כמו כן הוא נכנס בגבול הקדושה בבחינת 'נהלת בעזך אל נוה קדשך', ויתקרב יותר אל תורה ותפלה ולצדיקי אמת".

און דאס וואס עס גייט איבער, איז ווייל א יעדער מענטש איז אַן עולם ומלואו וואס עס קאכט זיך איבער אויף אים; אט דאס האט רבי נתן שטארק מקבל געווען פון רבי'ן[יא].

## עד ירידה התחתונה שאין ירידה אחריה

אין "ליקוטי הלכות" אין הלכות ערלה[יב] רעדט רבי נתן דארטן ארום פון הושענא רבה, און וועגן דוד מלך ישראל, און וועגן די גרויסקייט פון תהילים. עס איז דאך אלץ איין שייכות; 'דוד מלך ישראל', מיט 'הושענא רבה', מיט 'תהילים', האט דאך איין שייכות.

אינ'אמת'ן, אין "ליקוטי מוהר"ן"[יג] שטייט דאך אז תהילים האט דוד המלך געזאגט "**ברוח הקודש גבוה מאוד**"! רוח הקודש! דוד המלך איז דאך געווען - אזוי ווי משה רבינו רופט זיך 'אב הנביאים', רופט זיך דוד המלך, 'אב לבעלי רוח הקודש'![יד] "רוח הקודש גבוה מאוד"! רוח הקודש איז דאך א זאך פון 'בלתי סוף'; (אויב אזוי איז דאס) פאר יעדן איד, עד סוף כל הדורות!

---

**יא.** עיין אוסף מכתבים (חלק א מכתב כ') וז"ל מורינו שליט"א: את החיות של לקוטי תפילות אחוז היטב ואל תניחהו בשום אופן. כי אולי כבר שמעת ממני המשל מהבעש"ט זי"ע ועכ"י, כי אחד שהולך לקנות יין, נותנים לו כוס יין מתוק לטעימא בעלמא, ואח"כ כשרואה שהיין הוא טוב והוא מבקש עוד, אומרים לו, שלם, ותקבל לא רק לטעימא. כן הוא בכל דבר שבקדושה, מקודם נותנים לאדם חיות באתערותא דלעילא, ואח"כ אומרים לו, נראה איך שאתה בעצמך מתחזק בזה, ואז אם מתחזק אזי הוא מרויח את הדבר בעצמו, לא רק את הטעימא מלעילא, כי ראוי הוא לכך. וכן למדתי השבוע בלק"ה ממוהרנ"ת זי"ע, **שאין לך דבר שבקדושה שזוכין בלי התחזקות, חזק ואמץ**, כי ממה שרק תתחרט – מזה אף פעם לא תתחרט.

**יב.** הלכה ד', אות ט"ז, עי' להלן.

**יג.** תנינא סימן ע"ג: "ועיקר התשובה של דוד המלך הוא ספר תהלים, שאמרו בהתעוררות גדול מאד **וברוח הקודש**, עד **שכל אחד ואחד כפי מה שהוא יכול למצוא את עצמו בתוך ספר תהלים**, ולזכות לתשובה על ידי אמירת תהלים כנ"ל".

**יד.** זוהר הרקיע (הגהות מהרח"ו על הזוהר, ושם בשם מורו ורבו האריז"ל), פר' בא, דף לט.

דער רבי זאגט אויך, מען זאל איינטייטשן 'זיך' אין תהילים[טו]. ווייל דאס וואס יעדער איינער טייטשט דאס אויס אין רוחניות און אין גשמיות, אויף דער יצר הרע מיט די חיילות, אט דאס איז דער אמת'ער פשט וואס דוד המלך האט געמיינט פאר 'דעם' אידן, און דאס איז דער אמת'ער פשט וואס דוד המלך האט געמיינט פאר 'דעם' (אנדערן), און פאר 'דעם' איד (וכדו').

איז דער רבי רעדט אויף די שערים וואס עפענען זיך אויף פאר יעדן איינעם 'על ידי אמירת תהילים' - פאר יעדן איינעם 'במקום שהוא'. עם-כל-זה, רבי נתן האט דאס געהערט נאך און נאך (טיפער). דער רבי האט דאך געזאגט אז עס איז דא "ידים בים החכמה" וואס דער צדיק רעדט, און די 'תלמידים המדובקים בו' שפירן אין אים און אויף זיינע רמזים, וואס ער האט נישט ארויסגערעדט אפילו[טז].

---

**טו.** עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"א, וז"ל: "וכן אמירת תהלים וכיוצא, **צריך לראות, שימצא את עצמו בתוך כל מזמורי תהלים** ובתוך כל התחינות ובקשות וסליחות וכיוצא. **ובקל בפשיטות בלי חכמות יכולין למצוא את עצמו בתוך כל התחינות ובקשות, ובפרט בתהלים, שנאמר בשביל כלל ישראל, בשביל כל אחד ואחד בפרט.** וכל אדם כל מלחמות היצר שיש עליו וכל מה שנעשה עמו, הכל מבואר ומפורש בתהלים, **כי עיקרו נאמר על מלחמות היצר הרע וחיילותיו, שהם עיקר האויבים והשונאים של האדם, שרוצים למנעו מדרך החיים ולהורידו לשאול תחתיות,** חס ושלום, אם לא ישמר עצמו מהם. **ורק על ענין מלחמה זאת נתייסד כל ספר תהלים"**. גם עיי"ש סי' קכ"ה.

**טז.** עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז'. וליקוטי הלכות הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו, אות נ"ד, וז"ל: **"כי אי אפשר בשום אופן להודיע ולבאר לכל אדם איך יתגבר לישאר על עמדו בכל מה שיעבור עליו בכל העתים השונים של כל ימי חייו, רק המשכיל החפץ באמת צריך לשום לבו להבין הרמזים שהם בחינת ידים שיש בים החכמה באופן שישאר קיים בנקודת יהדותו לעולם ועד,** כי יש רמזים הרבה שמאיר הצדיק לכל אדם בדרכי עצות נפלאות להצילו מחטאים ... על כן העיקר להתקרב לצדיקי אמת והם מכניסים בהם דעת כי עדיין ה' אתם ואצלם כי "מלא כל הארץ כבודו" וכו' כנ"ל, ועיקר הדעת הזה בשלימות מכניסים בהם על ידי רמזים הנ"ל, **כי אי אפשר לבאר בפה ובכתב עד היכן עד היכן צריך כל אחד להתחזק בכל מה שיעבור עליו כל ימי חייו, רק צריך להתחזק ולהתגבר בעצמו ולהסתכל על הרמזים האמיתיים של הצדיק** וכו' וכנ"ל".

איז דא דארט טאקע א לשון, רבי נתן זאגט[יז]: **"אפילו דער גרעסטער רשע, דער גרעסטער בעל עבירה, געפינט זיך זיין הארץ אין תהילים!"** - אזוי טאקע זאגט רבי נתן. **"אין תהילים איז כלול כל הדורות" - אלע דורות!** פשט איז, יעדער איינער, פון יעדן דור! **אלע דורות** – **'מריש כל דרגין עד סוף כל דרגין - עד הירידה התחתונה שאין ירידה אחריה' - אלץ איז כלול אין תהילים!**

אט דאס איז דער **"תִּכָּתֶב זֹאת לְדוֹר אַחֲרוֹן"**[יח], וואס אז מען איז שוקד אויף דעם, קען מען דערוועקן ישועות למעלה מדרך הטבע, בגשמיות וברוחניות - למעלה מדרך הטבע!

בדרך כלל געפינען זיך דאך מענטשן מיט מיצרים וואס עס דאכט זיך אים אז על פי דרך הטבע קען ער נישט ארויסגיין. אבער דער אויבערשטער איז דאך א כל יכול און ער קען אלעס, און דאס דערוועקט מען מיט פסוקי תהילים[יט].

איך געדענק, איך האב אמאל געזאגט פאר איינעם טאקע דעם לשון פון רבי נתן'ען. האט ער מיר נאכאמאל איבערגעפרעגט: 'אוואו שטייט "עד הירידה התחתונה שאין ירידה אחריו" - אוואו שטייט

---

יז. וז"ל בפנים, אות ט"ז: **"לא נמצא שום רשע ובעל עבירה בעולם שלא יוכל למצוא את עצמו בספר תהלים הכולל כל באי עולם בכל הדורות ובכל המדריגות שבעולם מראש ועד סוף עד תכלית הירידה שאין ירידה אחריו רחמנא לצלן, לכולם הוא מעורר בצעקותיו ותפילותיו לשוב לה' יתברך!** וכמו שמבואר מאדמו"ר (בלקוטי תניינא בסימן ע"ג) שתהלים מסוגל לתשובה".

יח. תהלים קב, יח-יט: **"פָּנָה אֶל תְּפִלַּת הָעַרְעָר וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם. תִּכָּתֶב זֹאת לְדוֹר אַחֲרוֹן וְעַם נִבְרָא יְהַלֶּל יָהּ"**. ועי' במדרש רבה ויקרא, פר' ל', פס' ג' על זה: "אמר דוד לפני הקדוש ברוך הוא, רבש"ע, אל תבזה את תפלתם (תהלים קב). **'תכתב זאת לדור אחרון' - מכאן שהקדוש ברוך הוא מקבל השבים. 'ועם נברא יהלל יה' - שהקדוש ברוך הוא בורא אותן בריה חדשה"**.

יט. עי' שיחות הר"ן, אות צ"ח: "אמירת תהלים מעלה גדולה כאילו אמרם דוד המלך בעצמו. כי הוא אמרם ברוח הקודש, והרוח הקודש מונח בתוך התבות וכשאומרם הוא מעורר ברוח פיו את הרוח הקודש עד שנחשב כאילו אמרם דוד המלך עליו השלום בעצמו. **והוא מסוגל מאד לרפאות החולה להיות לו בטחון רק על השם יתברך, שעל ידי אמירת תהלים יושיעו ה'"**.

עס?!' [איך ווייס נישט צו אויפן פלאץ האט ער מיר דאס געבעטן, צו איז ער געקומען עקסטער אז איך זאל אים עס איבערזאגן נאכאמאל]. האב איך געזען ווי דער בעל דבר קלאפט אויף יעדן מענטשן דעם יאוש (שאין ירידה אחריו). ער פאלט אויף אים אָן א יאוש, עס פאלט איין פאר דעם מענטש אזוי פיל יאוש אז ער דארף אזא ווארט.

מען זעהט דאס ממש; 'גאוה' לאזט ער (הבע"ד) ממש 'עד אין לו פירכא' (למעלתו הרמה...). אבער אז עס קומט צו גיין צו עבודת השם, מאכט ער אים מיואש אז ער האט נישט קיין פירכא (להרים את עצמו קצת) [כ].

## בטחון ברוחניות

למעשה רעדט דא דער רבי (ב'משיבת נפש') פון בטחון אין 'רוחניות' (- בעבודת ה', שיבטח בה' שלא יעזוב אותו אף עם עבר מה שעבר) - דאס איז דאך למעשה, דער רבי רעדט פון 'רוחניות'דיגע' בטחון.

טאקע דער "חובות הלבבות"[כא] און נאך ראשונים ברענגען אראפ, אז **מצוַת הבטחון אין רוחניות איז מער חשוב'ער ווי אין גשמיות!**

דער חרדים זאגט, אז עס איז דא ראשונים וואס זיי זאגן אז עס איז דא זייער אסאך מצוות, נאר די תרי"ג (מצוות) זענען 'כללים' וואס גייען אריין אין דעם מנין 'תרי"ג'. אבער מצוות איז דא גאר אסאך.

---

**כ.** עי' ליקוטי הלכות הל' בשר בחלב ה"ד, אות י': "**עיקר הבושת דקדושה צריך שיהיה להאדם קודם החטא**, שיהיה לו בושה גדולה מלפני ה' יתברך כמו מלפני בשר ודם ממש, שלא יעבור שום עבירה ואפילו שלא לעשות שום דבר כנגד רצונו יתברך, **אבל אחר כך כשכבר התגבר עליו היצר, חס ושלום, והכשילו במה שהכשילו צריך אחר כך לסלק הבושה מעל פניו**, ויעז פניו נגד ה' יתברך לומר אף על פי שעשיתי מה שעשיתי ובשתי וגם נכלמתי להרים פני אליך, אף על פי כן אני מעז פני נגדך ומבקש ממך שתקרבני אליך גם עתה. **ואפילו אם היה כך כמה פעמים**, חס ושלום, אסור ליפול בדעתו לעולם, רק להתחזק להתחיל בכל פעם מחדש **כל עוד נשמתו בו**".

**כא.** עי' שער הבטחון סוף פרק ד'.

און עס זענען דא ראשונים וואס זיי נעמען אריין 'מצות הבטחון' אין דעם מנין תרי"ג[כב].

און מען זעט טאקע, אינטערעסאנט, עס איז דא כמה פסוקים וואס דער פסוק אליין איז מחזק אויף בטחון, דער פסוק געבט חיזוק אויף בטחון. זעהט מען, אז ביי בטחון דארף מען האבן באזונדערע חיזוק. דער פסוק געבט חיזוק: "**חִזְקוּ וְיַאֲמֵץ לְבַבְכֶם כָּל הַמְיַחֲלִים לַה'**"[כג] - האט התחזקות!

**שטארקט זיך!**

**פאלט נישט! לאזט אייך נישט אראפפאלן!**

דער בעל דבר וויל אייך אראפווארפן פון דעם, לאזט אייך נישט אראפפאלן!

"**קַוֵּה אֶל ה' חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'!**"[כד] שרעק זיך נישט! "חזק" - שטארק זיך! שטארק זיך - און "קוה אל ה'", שטארק זיך אין דעם!

## בטחון – אפילו אביסעלע

עס איז דא א פסוק אין משלי[כה]: "**לִהְיוֹת בַּה' מִבְטַחֶךָ הוֹדַעְתִּיךָ הַיּוֹם אַף אָתָּה**". עס איז א פלא אז קיינער אין די מפרשים איז נישט

---

**כב.** ספר חרדים פ"ט, אות כ"א, וז"ל: "**ומעלת שלימות הבטחון בו יתברך** - מצוה שנית, שנאמר תמים תהיה עם ה' אלוקיך (דברים יח, יג). וכן כתב הרמב"ן שזו מצות עשה שלא נשאל מהוברי השמים החוזים בכוכבים ולא מזולתם מה עתיד להיות, ואם נשמע דבר מהם, נאמין כי הכל ביד ה' מיפר אותותם כפי התקרבנו לעבודתו, והכי איתא במס' פסחים (קיג ב), ומינה נלמוד דמצוה לבטוח בו ית' בכל לב בכל ענייני העולם כמפורש בקבלה 'ברוך הגבר אשר יבטח בה'', 'ארור הגבר אשר יבטח באדם' כו', וכתיב 'בטחו בו בכל עת', וכתיב 'בטח אל ה' בכל לבך', (**ממנין תרי"ג** לרבינו יונה [ש"ג אות יז] ולגאון ור"ש ן' גבירול ורמב"ן וסמ"ק)".

**כג.** תהלים לא, כה.

**כד.** תהלים כז, יד.

**כה.** משלי כ"ב י"ט.

מדייק וואס איז דער "אף אתה". [דער רוח הקודש פון די כ"ד ספרים גייט דאך טאקע אויף יעדן איינעם 'על כל אחד ואחד מישראל']. 'להיות מבטחך בה" – דו זאלסט האבן בטחון אין דעם אויבערשטן. ['הודעתיך היום' -] איך זאג דיר היינט. 'אף אתה' - דיר אויך; וואס מיינט 'דיר אויך'?

- נאר ווייל ווען א מענטש דארף א ישועה און ער לויפט צו בטחון, קומט דער בעל דבר מיט אזויפיל פירכות - מיט מורא'דיגע פירכות, 'ווער זאגט אז דו ביסט ווערד א ישועה' - 'שמא יגרום החטא', 'דיין בטחון איז נישט קיין ריכטיגער בטחון', 'דו ווייסט דעם אמת - דו ביסט פארדרייט', 'דו האסט נישט קיין עצה אויף רוחניות' - פירכות בלי סוף - בלי סוף, ממש פון אלע זייטן, אז ער קען זיך גארנישט רירן. דערפאר לייגט צו שלמה המלך: **"לראות מבטחך בה' הודעתיך היום - אף אתה!"** - ווי דו קוקסט אויס! און ווי דיין בטחון קוקט אויס! האלט זיך ביי דעם! האלט זיך ווי דו קוקסט אויס און ווי דיין בטחון קוקט אויס! לאז נישט אפ דעם בטחון! לאז נישט אז דער בעל דבר זאל דיר עס אפפרעגן בשום אופן שבעולם![כו]

---

**כו.** עי' בליקוטי עצות ערך בטחון אות ד': **"אפילו אם יודע בעצמו שאין מעשיו עולים יפה כראוי, אל יפול מהבטחון מחמת זה לומר מי אנכי לבטוח ולהשען בה' מאחר שהרעותי את מעשי כל כך, רק יבטח בחסדי ה', אשר לא תמנו וברחמיו שאינם כלים שירחם עליו גם כן ויזון ויפרנס אותו** כי טוב ה' לכל, ואל יטריד עצמו בדאגת וטרדת הפרנסה מחמת קטנותו בעיני עצמו, רק יתחזק בבטחון איך שהוא, מחמת שכוונתו לשמים. וכל זה וכיוצא בו הוא בטחון דקדושה".

עי' גם במתק לשונו הזהב של מוהרנ"ת זצ"ל בליקוטי תפילות, תפילה קל"ז, וז"ל: "מלא רחמים חונן לאדם דעת, חנני מאתך וזכני שיהיה שכלי ודעתי בשלימות, באופן שאזכה לבטחון שלם בתכלית השלימות שאזכה לבטוח בך תמיד שאתה תפרנסני ותכלכלני ותתן לי כל מחסורי תמיד, ואתחזק בבטחון בכל עת יותר ויותר ואהיה בטוח בחסדך שתושיעני בכל מה שאני צריך להוושע בגשמיות וברוחניות בגוף ונפש וממון, ולא אפול מן הבטחון לעולם **ולא יוכלו ריבוי עוונותי העצומים לבלבל הבטחון שלי חס ושלום, רק אזכה להתחזק בכל עת ובכל שעה בכל מה שיעבור עלי לבטוח בך תמיד באמת, עד אין סוף ועד אין תכלית כמו שכתוב: "בטחו בה' עדי עד, כי בי-ה ה' צור עולמים"** ואהיה בטוח בעוצם חסדך ורחמיך אשר אינם כלים ואינם תמים לעולם, כי לא כחטאי תעשה לי חלילה, ולא

עס איז דא דרגות אין בטחון, עס איז דא דרגות אין בטחון[כז]. אז א מענטש געפינט זיך אין א מיצר, צו ברוחניות צו בגשמיות, און ער קוקט אויס צום אויבערשטן, 'רבונו-של-עולם, דו קענסט מיר העלפן, קיינער קען מיר נישט העלפן - נאר דו!' און ער קוקט אויס ער זאל אים העלפן, ער ווייסט נישט אויב דער אויבערשטער וועט אים העלפן – 'אבער דו קענסט און איך קוק אויס (צו דיר!') - איז דאס בטחון!

דער רבי זאגט עס מפורש[כח], אז בטחון איז בחינת "הבטה". 'הבטה' איז, 'אויסקוקן צום אויבערשטן ער זאל אים העלפן'. און דאס איז שוין בטחון! און אז מען האלט זיך אין דעם, הויבט עס אָן שיינען, ביז מען שפאַרט זיך טאקע אָן אין דעם אויבערשטן!

עס איז אלעמאל דא די זאך פון **"פתחו לי פתח כחודו של מחט"!** אין אלע ענינים גייט עס אזוי, דער גמר איז פון הקב"ה, און דו הויב

---

כעוונותי תגמול עלי רק תעשה בנפלאותיך המרובים והעצומים, בדרכי חסדיך הישנים והחדשים שאתה מחדש בכל יום ובכל עת ובכל שעה, ותתן לי כל פרנסתי וכל פרנסת אנשי ביתי וכל התלויים בי וכל הצטרכותנו בהרחבה גדולה קודם שנצטרך להם ותעזרני ותושיעני בכל עת בכל מה שאני צריך להוושע".

עי' גם ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות ל"א: "עיקר כל הנסיונות שנסו אבותינו את הקדוש ברוך הוא נמשכו מבחינה זאת, כי דור דעה בודאי האמינו בהשם יתברך שיכול להשפיע להם כל דבר, אך הבעל דבר עיקם לבם על ידי בחינת מוחין דקטנות עד שאמרו בלבם, **וכי אנו ראויים שיתן לנו לחם ומים במדבר בדרך נסים כאלה?** ובפרט בעת שראו שבאמת יש להם יסורים גדולים וחסרונות, כגון כשהלכו ג' ימים בלי מים שאמרו, **הלא אנו רואים בעינינו שאין אנו ראויים לגאולה שלמה. ומחמת זה נמצאו קצת שלא האמינו בדברי משה** ואמרו, 'המבלי אין' וכו'. ואמרו, 'מי יתן מותנו בארץ מצרים' וכו' מחמת שלגודל חסרונם שידעו בעצמם אמרו שאינם ראויים לנסים כאלה. **ובאמת שגו בזה מאד**, כי זהו קטנות דסטרא אחרא, כי **בודאי צריכין להכיר חסרונו ואף על פי כן יבטח בה' ובצדיקי האמת, כי השם יתברך יעזור לו בחסדו הגדול**".

**כז.** עי' ליקוטי מוהר"ן סי' רכ"ה: **"כי יש כמה מעלות ומדריגות בבטחון עד אין סוף, בבחינת** (ישעיה כ"ו): **"בטחו בה' עדי עד", והכל לפי השכל כנ"ל"**.

**כח.** ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ו: "**הבטחון הוא בחינת הסתכלות**, שמסתכל וצופה בעיניו להשם יתברך לבד, ובוטח בו, בבחינת (תהלים קמ"ה): 'עיני כל אליך ישברו'".

אָן אויף א קלײנעם אופן: 'קײנער קען מיר נישט העלפן - נאר דער אויבערשטער! איך קוק אויס אז דער אויבערשטער זאל מיר העלפן, ער איז דאך א כל יכול'; איז דאס בטחון!

ביז דו הויבסט אָן צו שפירן מער און מער און מער ווי דו הויבסט זיך אָן אנצושפאַרן אינעם אויבערשטן און זיך חוסה זיין אין דעם אויבערשטן, ביז עס ווערט **"בְּשָׁלוֹם יַחְדָּו אֶשְׁכְּבָה וְאִישָׁן כִּי אַתָּה ה' לְבָדָד לָבֶטַח תּוֹשִׁיבֵנִי"**[כט], ער הויבט אָן צו שפירן א חיות און א זיסקייט, ממש ער איז 'שוכב בשלום' - ער איז שלום מיטן אויבערשטן, **"ה' סַלְעִי וּמְצוּדָתִי וּמְפַלְטִי אֵלִי צוּרִי אֶחֱסֶה בּוֹ מָגִנִּי"**[ל] (וכו'), איך האב נישט גארנישט, דו טוהסט פאר מיר אלצדינג! איך האב פאר קײנעם נישט קײן מורא, דו ווערסט מיר העלפן, דו ווערסט מיר זיכער העלפן! אט דאס גיבט דער אויבערשטער אליין א מתנה דעם מענטשן, און ער העלפט אים.

## "אפילו רשע הבוטח בה'"

עס איז דא א מפורש'ער מדרש[לא]: **"רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ"**; **"אפילו רשע הבוטח בה"** איז **"חסד יסובבנו"**! דער רמב"ן טאקע אין ספר "האמונה והבטחון"[לב], זאגט: **"בטח בה'" - אפילו דו שפירסט אז דו האסט נישט קײן מעשים טובים, "אפילו שאתה יודע שאתה רשע - בטח בה'!"** זאגט ער, **"כי מצוות הבטחון נאמר בין לצדיקים ובין לרשעים, כי 'ורחמיו על כל מעשיו'"** - יעדער אײנער האט רשות צו האבן בטחון - יעדער אײנער!

---

**כט.** תהלים ד', ט'

**ל.** שמואל ב' כ"ב, ב'. ותהלים י"ח, ג'.

**לא.** עי' איכה רבה פ"ד, פ' כ"ג.

**לב.** פרק א', וז"ל: **"'בטח בה' ועשה טוב'. כלומר אעפ"י שאין בידך מעשים ותדע בעצמך שאתה רשע, עם כל זה בטח בה', כי הוא בעל רחמים וירחם עליך, כמו שנאמר** (תהלים קמה) **ורחמיו על כל מעשיו, ר"ל צדיקים ורשעים".**

אז מען האט בטחון - יעדער איינער - דאס נעמט זיך טאקע פון דעם מדרש. ווייל דער עצם זאך וואס א מענטש ווייסט אז קיינער קען מיר נישט העלפן נאר דער אויבערשטער און ער קוקט אויס אז דער אויבערשטער זאל אים העלפן און ער שפאַרט זיך אז דאס איז עס, פאר דעם (אליין) איז ער ווערד דער ישועה, פארדעם איז ער ווערד דער ישועה! דאס איז אַן המלכה אין עולם העשיה וואס פאר דעם איז ער ווערד דער ישועה, פאר דעם אליין איז ער ווערד דער ישועה, 'אֵיך שהוא נראה' - ווי ער קוקט אויס! דאס איז א געוואלדיגע זאך, ווייל דער בעל דבר לאזט עס נישט צו.

אבער די זאך וואס דער רבי האט געזאגט אז בטחון איז בחינת הבטה, דאס איז א חידוש. און דאס איז אויך א פתח צו בטחון, 'וויסן' אז דאס איז בטחון. "אף אתה"; א איד דאכט זיך אז עס איז נאר אַן הבטה (ואינו נחשב לכלום) - יא יא יא, דאס איז בטחון! אזוי וועסטו געהאלפן ווערן!

## ה' אחד – אין עוד מלבדו!

עס איז דא א תורה, אין "נפש החיים" שטייט עס מפורש[לג], אויב איינער וויל טוהן א רעה צו א צווייטן, צו אסאך ווילן טוהן א רעה צו א צווייטן, זאל ער אריינגעמען אין מוח שטארק, 'זיי קענען זיך נישט רירן אָן דעם אויבערשטן - גארנישט! אלץ איז פונעם אויבערשטן!'

**לג.** בשער ג', פ' י"ב, וז"ל: "**ובאמת הוא ענין גדול וסגולה נפלאה להסר ולבטל מעליו כל דינין ורצונות אחרים שלא יוכלו לשלוט בו ולא יעשו שום רושם כלל, כשהאדם קובע בלבו לאמר הלא ה' הוא האלקים האמיתי ואין עוד מלבדו יתברך שום כוח בעולם וכל העולמות כלל והכל מלא רק אחדותו הפשוט ית"ש**, ומבטל בלבו ביטול גמור ואינו משגיח כלל על שום כוח ורצון בעולם, ומשעבד ומדבק טוהר מחשבתו רק לאדון יחיד ב"ה, כן יספיק הוא ית' בידו **שממילא יתבטלו מעליו כל הכוחות והרצונות שבעולם שלא יוכלו לפעול לו שם דבר כלל**".

דער בעל שם זאגט[לד], אויב דער מענטש זאגט: **"שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד"**, פשט איז, אז איינער איינער איז 'במלכותו' און אז דער מענטש גיט נישט קיין טראכט אָן דער אויבערשטן און אז אָן דעם אויבערשטן קען ער דיר גארנישט טוהן, ער קען זיך נישט רירן, ער קען נישט רעדן, ער קען נישט הערן, ער קען גארנישט, נאר פון אויבערשטן, איז מיט דער אמונה ביסטו ממתיק דעם דין און ער קען דיר שוין גארנישט טוהן!

די תלמידי בעל שם ברענגען אראפ כמה פעמים מיט פארשידענע סארטן גירסאות דעם "שמעתי מבעל שם", אז **"אמר אויב ארדוף אשיג אחלק"** - ער שרעקט דיר איבער, ער איז "ארדוף אשיג אחלק שלל" - איך וועל דיר אפ'ירש'נען, איך וועל דיר מאכן אומגליקליך. זאגט ער[לה], עס איז דא פינף אלפין: **"א'מר א'ויב א'רדוף א'שיג א'חלק"**. [עס איז דא א סוד אין קבלה וואס עס פארנעמט א גרויסן פלאץ - דער סוד פון די פינעף אלפין]. דו זאלסט גלויבן אז דאס איז דער 'אלופו של עולם', דאס איז מאלופו של עולם! אָן דער אלופו של עולם קען ער דיר נישט איבערשרעקן, קען ער דיר גארנישט זאגן,

---

**לד.** עי' דגל מחנה אפרים בשלח, ד"ה וישובו: "והנה איתא בזוה"ק חמשה חלוקי אבנים שהיה לוקח דוד והיה לוחם בהם עם גלית הפלשתי היינו ה' תיבות דיחודא "שמע ישראל ה' אלקינו ה'" ושוי אותם בקורטא חדא היינו ב"אחד" ובזה היה גובר אותו עיי"ש, **וענין הזה הוא נצחיות בכל אדם ובכל זמן בזה מתגברים על כל אויבים ומזיקים** כמאמר חז"ל (ברכות ה'.) כל האומר קריאת שמע על מטתו כאילו אוחז חרב פיפיות בידו עיי"ש ובזה התגבר גם כן דוד המלך ע"ה על גלית, ...וזה יש לומר שמרומז בפסוק **"לא נשאר בהם ע"ד אח"ד" היינו עד אחד על ידי יחוד של קריאת שמע שהוא שמע ישראל וגו' ה' אחד.** וידוע, שמע - עיי"ן רבתי, אחד - דל"ת רבתי, שהיא תיבת עד שהוא מרמז שזה עדות שישראל מעידים על אחדותו ית"ש. והוא שאמר על ידי עד אחד שהוא רזא דיחודא זהו שכתוב בשמו הוא נלחם ועל ידי זה לא נשאר בהם ואבדו כולם כן יאבדו כל אויביך ה' ואוהביו וכו' והבן".

**לה.** וזל"ש בספר בעל שם טוב על התורה, פרשת בשלח: **"שמעתי ממורי פירוש הפסוק אמר אויב ארדוף אשיג אחלק שלל וגו' יש בו ה' אלפין כי אלופו של עולם גנוז בו כדי לקרבו אליו יתברך, כמו 'ופרעה הקריב', וכו', ודפח"ח"** (תוי"י סוף פר' וישב). עי' גם הערה לעיל.

(עס איז אלץ) יראות נפולות, וואס אז מען האט נישט מורא פארן אויבערשטן פאלט אריין די יראה אין דער סטרא אחרא, דערפאר האסטו מורא פאר אים. אבער אָן דעם אויבערשטן קען ער דיר גארנישט טוהן. זאגט דער בעל שם, מיט דער אמונה וואס דו גלויבסט אז דאס וואס "אמר אויב ארדוף אשיג אחלק" איז בכח דעם אלופו של עולם, איז עס "יתפרדו כל פועלי און" און ער קען דיר שוין גארנישט טוהן.

## "וְיִבְטְחוּ בְךָ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ"

עס איז דא א ירושלמי[לו] אויפן פסוק אין יואל[לז]: "**וְהָיָה כֹּל אֲשֶׁר יִקְרָא בְּשֵׁם ה' יִמָּלֵט**". דער 'והיה' גייט טאקע אויף לעתיד: "והיה" - אזוי וועט זיין, "כל אשר יקרא בשם ה' ימלט". זאגט דער ירושלמי א מעשה, רַב איז ארויס פון חמי טבריה, האבן אים געזען רומאים. האבן זיי געטראכט, לאמיר מאכן אויף אים אַ גוטע עלילה אויף אזא אופן... [דאס איז געווען דער גלות, אזוי האט אויסגעזעהן דער גלות...] שוין, גייען זיי צו צו אים, זאגן זיי: "ווי אזוי הייסטו? ווער ביסטו?" האט ער געזאגט: "אנא דסופיינוס אנא" - איך בין פון דעם מלך. דער מלך פון טבריה האט געהייסן 'סופיינוס'. איך בין פון סופיינוס'עס מענטשן. עס האט זיי געכאפט א שרעק, אונז גייען זיך טשעפען מיטן קייסער'ס א מענטש? האט זיי געכאפט א פחד, און זיי האבן אים גארנישט געטוהן.

נאך דעם ווען זיי זענען געווען ביים מלך, זאגן זיי: "פארוואס חבר'סטו זיך מיט אידן? דו נעמסט אידן אלס דיינע מענטשן?" זאגט ער זיי: "וואס איז געווען?", דערציילן זיי דער מעשה. [עס איז נישט געווען ריכטיג וואס רַב האט זיי געזאגט]. זיי האבן אים געזאגט אפן אז זיי האבן אויף אים געוואלט מאכן אַן עלילה. [אט דאס איז געווען א כשר'ע זאך לכל הדעות צו מאכן אַן עלילה אויף א מענטש באיזה

**לו.** ברכות פ"ט, ה"א.

**לז.** ג, ה.

צורה...] פרעגט ער זיי: "און וואס האט איר אים געטוהן?" האבן זיי געזאגט: "אז מיר האבן נאר געהערט אייער נאמען האבן מיר אפגעצויגן!" זאגט ער: "גוט האט ער געטוהן!" דער קייסער האט זיך געפריידט אז ווען מען הערט זיין נאמען ציטערט מען. "גוט האט ער געטוהן".

פירט אויס דער ירושלמי: "**ומה הנִתְלה בשם בשר ודם כך, הנתלה בשמו של הקדוש ברוך הוא על אחת כמה וכמה**" [הה"ד: "כל אשר יקרא בשם ה' ימלט"].

און ער פירט דארט אויס נאך א מעשה, עס איז געווען א גרויסער שופט, און ער האט דַן געווען א ליסטים. אינמיטן, דער ליסטים האט געזען אז עס איז ביטער דער מצב מיט די חקירות זיינע. דער שופט האט געהייסן 'אלכסנדרוס', און דער ליסטים האט געהייסן 'אלכסנדרוס'. האט ער אים געזאגט: "הער זיך איין, איך הייס דאך אזוי ווי דיר; עס פאסט אז אלכסנדרוס זאל טוהן א טובה אלכסנדרוס'ן". (און טאקע) 'נתמלא רחמים', ער האט אים א טובה געטוהן. "דו הייסט ווי איך, וועל איך דיר טוהן א טובה". זאגט ער: **'מה הנקרא בשם בשר ודם כך, הנקרא בשמו של הקדוש ברוך הוא על אחת כמה וכמה"** [הה"ד: "כל אשר יקרא בשם ה' ימלט"].

מיט דעם וואס מען נעמט אריין די אמונה אין מוח, ווערט אונזער נאמען 'משותף בשמו'! אז מיר זענען זיך 'תולה בשם השם' האבן מיר גארנישט וואס מורא צו האבן! "**מָגֵן הוּא לְכֹל הַחֹסִים בּוֹ**"[לח] - ווי מען קוקט אויס; דו ביסט נאר 'חוסה בו'? 'מגן הוא' - איז דער אויבערשטער מגן!

ביי בטחון איז טאקע דא דאס לשון דארט אלעמאל: "**וְיִבְטְחוּ בְךָ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ**"[לט] - 'יודעי שמך'. עס איז דא אויך נאך לשונות פון פסוקים וואס דער פסוק איז מסביר אט דעם ווארט. עס איז פארהאן

---

**לח.** תהלים יח, לא.

**לט.** תהלים ט, יא.

א חז"ל אויך: **"כל הבוטח בשמי ינצל"**[מ] - און נאך כהנה. עס איז דא פסוקים וואס דערווארט 'שֵם' מיט 'בטחון' איז (איינס); **"יִבְטַח בְּשֵׁם ה'"**[מא].

דער ווארט "שם" זאגט אויף 'מלכות', אויף 'גילוי מלכותו', דאס זאגט דער ווארט שם[מב]. **"וַיַּעַשׂ דָּוִד שֵׁם"**[מג]. 'שמו' איז מרמז אויף ספירת מלכות. ווייל דער גילוי כבודו של 'ברוך שם כבוד מלכותו', אט דער גילוי אז דער אויבערשטער איז דער מלך אמיתי און דער שליט און דער מושל אמיתי וואס אלעס טוהט זיך פון אים אליין און ער איז מושל בַכֹּל 'בלי יוצא מן הכלל', אט דאס רופט זיך, "שם ה'". ממילא (דאס איז דער) **"וְיִבְטְחוּ בְךָ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ"**[מד].

ווען פאר א מענטש וואלט געשיינט ווי ווייט די שליטה פון דעם אויבערשטן איז אין אלעס, אין אלע פרטים 'בלי קץ', אין 'דומם צומח חי מדבר' - אלעס, בלי יוצא מן הכלל (וואלט ער פשוט אויסגעגאנגען!).

## דאס ליכטל דערציילט...

אז דער אר"י הקדוש האט געזען אז עס ברענט קוילן, עס ברענט פייער, האט ער געזען מורא'דיגע עתידות. מרוב אמונה וואס ער האט געוואוסט אז דאס איז פון דעם אויבערשטן, האט ער געזען פנימיות

---

**מ.** עי' מדרש תהלים לא: "אומר להם הקב"ה, **בטחו בשמי - והוא עומד עליכם**. שנאמר (ישעיה נ, י) "יבטח בשם ה'". **ולמה? שכל מי שבוטח בשמי - אני מצילו**".

**מא.** ישעיה נ, י.; גם איתא בתהלים ל"ג, כ"א: **"כִּי בְשֵׁם קָדְשׁוֹ בָטָחְנוּ"**.

**מב.** עי' ליקוטי הלכות הלכות ברכת השחר ה"ג, אות כ"ו: **"המלכות הוא בחינת שם**, כמו שכתוב (שמואל ב' ח'): "ויעש דוד שם". כי עיקר מלכות בית דוד, שמהם יצא משיח, הוא לגלות שם כבוד מלכותו יתברך, כי מלכות דוד משיח, הוא מלכות דקדושה, שהוא מלכותו יתברך, שהוא בחינת שמו יתברך, כי מלכות הוא בחינת שם כנ"ל". ועי' בספר קהילת יעקב – ערך 'שם', ובעוד ספרי קבלה.

**מג.** שמואל-ב ח, יג.

**מד.** תהלים ט, יא.

הבריאה, האט ער געהערט ממש 'שירים', ווי מען זאגט, עס האט אים אנגעהויבן שיינען די פנימיות, ער האט נישט געזען די חיצוניות. אז די כפירה האט אים נישט פארשטעלט, האט ער אויף יעדן זאך געזען עתידות.

אז ער האט אמאל געזען א ברענעדיגע ליכט, האט ער געזאגט א זאך וואס דער ליכט האט אים עס דערציילט[מה]. ווייל אז דאס ליכטל שאקלט זיך איז דאס פון אויבערשטן, איז די שליטה פון אויבערשטן. מיר וואלטן אויסגעגאנגען ווען מיר ווייסן ווי ווייט (דאס גייט).

אבער, על-כל-פנים, ווען א מענטש ווייסט דאס קלאר, עס שיינט, אז מען דארף א ישועה – 'רבונו של עולם, ווער קען מיר העלפן אז נישט דו?! ווער וועט מיר העלפן אז נישט דו?!' עס ווערט א 'דחף' (- אינערליכע דראנג), א טבעיות'דיגער 'דחף' צו לויפן צום אויבערשטן און רופן צום רבונו של עולם, 'דו קענסט מיר העלפן, עס איז אלץ ביי דיר, און דו ביסט א רחמן'! עס ווערט אזוי. ווער עס איז א יודע בה' - בטבע דארף מען זיך ציען צו בטחון און צו זיך תולה זיין אין השי"ת און מען איז ממשיך דער ישועה. אז עס קומט א ישועה פון דעם אויבערשטן איז בטל אלע טבעיים, אלע זאכן, און אפילו עס ווערט אמאל טבעיים, איז עס נאר א לבוש אזא.

און אפילו מיר זענען אין עולם העשיה, מען טוהט א זאך, אבער אז מען ווייסט דאס, קוקט מען אויס צום אויבערשטן אז עס זאל זיין מיט הצלחה דער זאך, מהחל ועד כלה, מיט דער הצלחה צוזאמען, ווייל אָן דעם אויבערשטן איז גארנישט.

---

**מה.** עי' תוכן הסיפור בספר שבחי האר"י ז"ל, וז"ל: "וכן אירע מעשה שליל שבת אחת נכנס האר"י בביתו של מוהר"ר יוסף אשכנזי, חתן ר' אהרן לנד רב מפוזנא ז"ל, והיו חוזרים המשניות בעל פה, כי כן היה מנהגו תמיד. פעם אחת אירע שבאמצע הלימוד התחיל הנר לפעפע, כדרך הנר שנפל למים, ועשה כך כמו רביע שעה. לאחר שסיימו הלימוד, ורצה לילך לביתו, קרא האר"י ז"ל למוהר"ר אביגדור בן הר"ר יוסף לחוץ, ואמר לו, אחיך הקטן איך שלומו. אמר לו, ולמה שואל האדון, הוא ישן במטה. אמר לו בעוונות שהנר סיפר לי שימות בשבוע זה. וכן היה".

דערפאר, דאס איז איז דער ענין פון "ויבטחו בך 'יודעי שמך'. די יודעי שמך - זיי ווייסן! זיי ווייסן אז מען דארף האבן בטחון, און זיי האבן בטחון, און זיי זענען ממשיך אלע ישועות דורך בטחון.

## פארוואס דארף מען אלעמען שטראפן?

פון בעל שם טוב שטייט[מז], עס איז פארהאן א גמרא אין תענית, אז עס איז דא עצירת גשמים זאל מען גיין צו א חכם. זאגט די גמרא, אז ער האט מתפלל געווען און עס איז טאקע אראפ א רעגן, "והגיס דעתו", איז 'מביא חרון אף בעולם'. פרעגט דער בעל שם, ממילא אז מען איז געקומען צו אים, א צדיק הדור, און מען האט אים געבעטן ער זאל מתפלל אויף רעגן - אוודאי איז אלץ פון אויבערשטן, דארפסטו בעטן אויף רעגן. אבער פארוואס דארף 'זיין' 'הגיס דעתו' שאָטן דער גאנצער וועלט? מביא חרון אף בעולם? פארוואס זאל זיין 'הגיס דעתו' ברענגען א חרון אַף אויף דער גאנצער וועלט?

זאגט דער בעל שם, ווייל יעדער איד קען אראפברענגען רעגן - יעדער איד! יעדער איד – נישט נאר קיין צדיק הדור – יעדער איינער, מיט אמונה מיט בטחון קען מען אראפברענגען רעגן. איז וויבאלד נאר 'ער' האט געקענט אראפברענגען א רעגן, זאגט ער, אויב איז 'הגיס דעתו', ווערט א חרון אַף אויף דער גאנצער וועלט. ווייל,

---

**מז.** בעל שם טוב על התורה, פר' מצורע, אות ה': "בשיס דתענית פרק קמא (ח.), וא"ר אמי, מאי דכתיב (קהלת י') 'אם ישוך הנחש בלא לחש' כו' אם השמים נעצרין וכו' מאי תקנתיה? ילך אצל חסיד שבדור ויתפלל וכו', ואם לחש ונענה והגיס דעתו - מביא אף לעולם, שנאמר (איוב ל"ו) מקנה אף על עולה וכו'. והקשה מורי אם הוא חטא והגיס דעתו, העולם מה חטאו, וביאר כי מהראוי שמי שאמר לשמן וידליק הוא יאמר לחומץ וידליק כרבי חנינא בן דוסא (תענית דכ"ה ע"א) ואם היו כל בני עולם נוהגין בחסידות לא היה פלא על אחד שאמר לחומץ וידליק וכך היה, כי כולם עושים כך, מה שאין כן מחמת שבני עולם הולכין בשרירות לבם הרע, ואין עולה להם זה, כי אם ליחיד בדורו, שאם נענה בתפילה הוא דבר נפלא בעיניהם, לכך מגיס זה דעתו, ואם כן הוא בסיבת דורו ובני עולם, לכך מביא אף בעולם ודפח"ח (תוי"י רצא דכ"ח ע"א. חוקת דקס"ב ע"א. רשפי אש פ' בראשית אות י"ד)".

איינער וועט דען זיך האלטן גרויס אז ער זעהט? קיינער האלט זיך נישט גרויס אז ער זעהט, ווייל אלע זעהען. ווען קיינער זעהט נישט, און ער זעהט, האלט ער זיך גרויס. זאגט ער, ווער איז שולדיג וואס ער האלט זיך גרויס? די גאנצע וועלט! ווייל איר קענט אראפברענגען רעגן, פארוואס דווקא ער דארף אראפברענגען רעגן?! ממילא קומט אויס אז די וועלט האט גורם געווען צו זיין גאווה, און וויבאלד די וועלט האט געברענגט זיין גאווה, קומט א חרון אַף אויף דער גאנצער וועלט!

על-כל-פנים, דארפן מיר וויסן, עס איז געווען פון די שטערקסטע לימודים פון בעל שם, אז אידן, פשוט'ע אידן, האבן ממשיך געווען ישועות מיט אמונה, מיט שיחת חברים, מיט אמונה מיט בטחון, דאס איז ממתיק אלע דינים!

און 'אין הכי נמי', ביי אונז טאקע, מיר זענען 'בחשוכא שרינן', איז די עצה טאקע 'אמונה', אמונה, אמונה פשוטה, אמונה, גלויבן אין רבי'ן, גלויבן אין די דיבורים פונעם רבי'ן, און האבן אמונה. מען קען צו אסאך מדריגות צוקומען דורך אמונה.

### "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי"

איך האב געזען פאר צוויי וואכן צוריק בערך אין 'עמוד היומי' (בליקוטי מוהר"ן) א מורא'דיגער חידוש. דער רבי טוהט אויף א חידוש. בדרך כלל, די וועלט ווייסט אויך אז דער רבי זאגט[מז]: "**אמונה תולה בפה של אדם**" - אז דורך אמונה, דורך דעם דיבור, הויבט אָן צו שיינען דער אמונה אין א מענטש. אבער דער רבי זאגט פאר דעם נאך א זאך. דער רבי איז מדייק, אז די עצם אמונה, דער עצם דיבור, איז אמונה! ווען דאס הארץ איז פארשטאפט, דו ביסט פארשטאָפט,

---

**מז.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ד: "האמונה תולה בפה של אדם, בבחינת: "אודיע אמונתך בפי" (תהלים פ"ט). היינו על ידי שמדברין האמונה בפה, **זהו בעצמו אמונה**, וגם על ידי זה באים לאמונה".

פאַרקלאַפּט, אז דו רעדסט אמונה? דאס איז אמונה! אט דאס איז אמונה!

דער רבי זאגט צוויי זאכן: א) אט דאס אליין איז אמונה; ער איז מדייק אז דאס אליין איז אמונה. ב) "וגם על ידי זה באים לאמונה". איז פשט, ווייל די דיבורים אין אמונה מאכט אז עס זאל שיינען דער אמונה. אבער מען דארף גלויבן, אז מען רעדט אמונה, אט דאס איז אמונה! מען זאל דאס וויסן.

דארף מען וויסן, אפילו מען שפירט גארנישט, עס ארבעט נישט, עס גייט דאך היינט איבער אזויפיל טמטום הלב - ניין! דער רבי האט געזאגט, אז מען רעדט אין אמונה, **דאס איז אמונה!**

**אז מען זאגט תהילים, איז אמונה!**

**אז מען זאגט 'אמן יהא שמיה רבה', איז אמונה!**

**דאס איז אמונה!** 'דיבורי אמונה', דאס איז אמונה! און אויך אז דורך דעם דערוועקט מען דער אמונה. אבער דאס אליין איז אמונה. קומט אויס טאקע, אז א מענטש דארף געהאלפן ווערן, אז ער זאל רעדן בטחון, אט דאס איז בטחון.

די חשמונאים בשעת זיי זענען געגאנגען מלחמה האלטן, האבן זיי געזאגט פסוקי תהילים, פסוקי בטחון פון תהילים[מח], ווייל אט די לשונות אט דאס איז בטחון. די לשונות לאזט צו צום אויבערשטן, און מיט אט די לשונות בין איך קשור צום אויבערשטן, און דאס איז בטחון, און דאס וועט ממשיך זיין א ישועה.

## יעדער איד איז דורש יחודך

אט דאס איז דער לשון: **"דּוֹרְשֵׁי יִחוּדְךָ כְּבָבַת שָׁמְרֵם"**. "דורשי יחודך", יעדער איד זאל זיך בארעכענען, וויאזוי ער קוקט אויס,

מח. עי' יוסיפון פ' כ'.

יעדער איד וויל אז עס זאל אים שיינען אז דער אויבערשטער איז א יחיד ומיוחד!

ער וויל אז עס זאל אים שיינען אז דער אויבערשטער איז דער מנהיג אין דער וועלט!

אז דער אויבערשטער איז 'אין עוד מלבדו'!

יעדער איד האט א בחינה פון 'דורשי יחודך', מער, ווייניגער, באיתגליא, ובאיתכסיא.

רבי נחוניא בן הקנה בעהט: **"דורשי יחודך כבבת שמרם"** - געב אכטונג אויף אידן; יעדער איד איז דאך דורשי יחודך!

## שפירן דעם אויבערשטן

דער רבי ברענגט אראפ אין תורה י"ג[מט], אז דער צדיק מאכט גאנצענע תיקונים ביי אמירת התורות - מתיקוני המרכבה, 'תיקוני אריה', 'תיקוני שור', 'תיקוני נשר', 'תיקוני אדם', 'תיקוני כסא', 'תיקוני יושב על כסא' - און די אלע (אנדערע תיקונים). איז בשעת דער רבי רעדט פון 'תיקוני שור', זאגט דער רבי, דאס איז 'רְאִיָה'.

איז דער רבי זאגט, 'ראיה'; פארוואס א 'סומא אין לו שובע'? ווייל אז ער זעהט נישט, ווערט ער נישט זאַט. ווען ער זעהט, ווערט ער זאַט. (כמו שכתוב:) **"טוֹב מַרְאֵה עֵינַיִם מֵהֲלָךְ נָפֶשׁ"**. איז דער צדיק שיינט

---

**מט.** אות ה': "וזהו בחינת **תיקונא דמרכבתא עילאה ומרכבתא תתאה** שעל ידי החכם שלוקח הנפשות ועולה עמהם, וירד עז מבטחה, נתתקנו שני המרכבות. כי יש ארבע חיות בבחינת נפש ... ובחינת **שור** שבנפש זה האור המצוחצח שנתוסף בנפש מחמת הקיבוץ, שנתקבץ פזורי הנפש, ואז מאיר הנפש ביותר, כי כשהרצון אין מאיר, אז הנפש בבחינת ונפש רעבה, כי עיקר הרעב מחמת העדר האור, כמו שאמרו חז"ל (יומא עד:): "ויענך וירעיבך ויאכילך את המן" 'מכאן שהסומא אינו שבע', כי עיקר השבע מחמת האור שיראה בעיניו, ועל ידי שאינו רואה, אין נתמלא נפשו, היינו רצונו, כי **"טוב מראה עינים מהלך נפש"** (קהלת ו); וכשמצחצח נפשו בצחצחות האור, אזי "ונפש רעבה מלא טוב" (תהלים ק"ז), בבחינת (ישעיהו נ"ח): "והשביע בצחצחות נפשך". וזה בחינת **שור**, לשון **הסתכלות**, בחינת מראה עינים מהלך נפש".

אריין ביי אמירת התורה אז מען זאל שפירן און מען זאל זעהן די עבודת השם וואס מען טוהט. אז מען טוהט עבודת השם און מען זעהט דאס, שפירט מען א קרבת אלוקים. און דערנאך, אפילו מען איז עוסק בעניני חול, שפירט מען א התרוממות, ווייל עס שיינט דער אור פון דער מצווה, איך זעה דער אור פון דער מצוה, איך זעה דער אור פון מיין לערנען, פון מיין דאווענען, איך זעה עס, איך בין נישט בלינד.

אבער היינט ארבעט עס אויך מיט אמונה, ווי מען רעדט פריער, אז דער בעל דבר נעמט אוועק דאס חיות פון דער עבודה, אבער מען דארף עס מיט אמונה אויסארבעטן.

מיט אמונה, מיט אמונה, גלויבן, גלויבן!

דער רבי זאגט קלאָר[נ], אז יעדער איינער דארף דינען דעם אויבערשטן אזוי ווי א צדיק גמור! קוק נישט גארנישט! קוק נישט גארנישט! דו זאלסט וויסן אז עס איז חשוב יעדער 'אמן יהא שמיה רבה', יעדעס ביסל היסח הדעת פון א מחשבה רעה, יעדעס ביישטיין א נסיון, יעדער שמירת עינים, יעדעס בענטשן, יעדע ברכה, עס איז חשוב, עס איז חשוב! איך בין א איד! דער אויבערשטער האט מיר ליב! עס איז געוואלדיג חשוב! **דער רבי הייסט עס זעהן, מען זאל עס זעהן ממש! מען זאל עס בפועל ממש זעהן, דאס איז א געוואלדיגער אור!**[נא]

---

נ. עי' שבחי הר"ן, אות כ"ו: "**והקפיד מאד על אלו האנשים שסוברים שעיקר מעלת הצדיק והשגתו שזוכה הוא מצד הנשמה לבד מחמת שיש לו נשמה גבוה מאד. ואמר שלא כן הדבר רק העיקר תלוי במעשים טובים ויגיעות ועבודות. ואמר בפירוש שכל אדם שבעולם יכול לזכות למדרגה הגבוה ביותר.** כי אין הדבר תלוי אלא בבחירת האדם לבד, אם ירצה לרחם על עצמו ולישב עצמו היטב היטב מה שטוב לפניו באמת וכו'. והכל לפי רוב המעשה (אבות ג טו)".

נא. עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ב, אות ה': "**אמונה אינו שייך אלא בדבר שאינו יודע טעם. ואף על פי כן, 'וגליא'. היינו שאצל המאמין הדבר גלוי, כאילו רואה בעיניו את הדבר שהוא מאמין בו, מחמת גודל אמונתו השלימה**".

איז היינט דארף מען עס מאכן מיט אמונה, האבן אמונה! "**בא חבקוק והעמידן על אחת: 'וְצַדִּיק בֶּאֱמוּנָתוֹ יִחְיֶה'!**"[נב] 'יחיה' איז חיים נצחיים, 'יחיה' איז שפירן דעם אויבערשטן! נכלל ווערן אין חי החיים.

דער ריב"א האט געענדיגט (דער פירוש פון) די לעצטע פאר בלאט אין מכות. [רש"י איז נסתלק געווארן אפאר בלאט איידער ער האט געענדיגט מסכת מכות, האט עס געענדיגט דער ריב"א]. שרייבט ער, אז יעדער איינער פון די אלע טאקע, 'העמידן על שלש' 'העמידן על שבע' 'העמידן על שש' - דאס אלעס, זאגט ער מפורש, דאס גייט אויף היינטיגע צייטן![נג]

אין די לעצטע יארן, האסטו דאס? האסטו אלצדינג! מיט אמונה האסטו אלצדינג! "בא חבקוק והעמידן על אחת: 'וצדיק באמונתו יחיה'!"

וכל-שכן, מען דארף וויסן, מען דארף וויסן, אז דער הייליגער רבי רעדט נישט סתם קיין חיזוק; וואס דער רבי האט גערעדט איז געווען אראפגענומען פון הויכע פלעצער![נד] מען זעהט ווי דער רבי האט

---

**נב.** מכות כד ע"א.

**נג.** וז"ל: "בא ישעיה בן אמוץ - **כל שעה דורות של מטה היו מתמעטין**".

**נד.** עי' משיבת נפש, אות י"ח: "**לפעמים נדמה להאדם השומע או מעיין בספרים ורואה ההתחזקות**, שחזקו אותנו הצדיקים האמתיים ותלמידיהם הבאים אחריהם והודיעו לנו, שאין שום יאוש בעולם ואפילו אם נפל כמו שנפל רחמנא לצלן, אף על פי כן השם אתו ועמו ואצלו וסמוך לו כי "מלא כל הארץ כבודו" וגם משם מצפה השם יתברך לתשובתו באיזה מדרגה שהוא. אך מחמת חלישות הדעת שיש לו ממעשיו שאינם טובים כי ידע אינש בנפשיה ונדמה לו שהוא גרוע מן הכל ולא עליו נאמר דברים הללו, הגם כי הצדיקים ביארו בפירוש שהם מדברים אפילו עם הגרוע שבגרועים, **אף על פי כן נדמה לו כאילו הם רוצים רק לפתות אותו ולהסיתו ולכנס עמו בדרך פשר בעלמא**, כדי שלא יפול עוד יותר ויהיה גרוע עוד ביותר רחמנא לצלן. אבל האמת הוא יודע בנפשו פחיתותו ושפלותו ושהשם יתברך רחוק ממנו מאד וכבר אבדה תקותו חס ושלום, וכיוצא בחלישות ונפילות כאלו שרוצה הבעל דבר להסיתו ולהדיחו מדרך האמת. אבל אותם שזכו להיכלל בתוך הקיבוץ הקדוש האוחזין עצמן בהצדיק האמת, הם מאמינים באמת ובאמונה שלמה, **כי כל דברי הצדיק והתחזקותו אינם בדרך פשר ופיתוי והסתה חס ושלום, רק כך הוא האמת לאמיתו**.

דא געקוקט צו אונזערע דורות, צו אונזערע דורות, צו אונזערע חלישות הדעת, צו אונזערע חלישות המוחין, צו אונזערע טומטום הלב, **און דער רבי האט געזאגט, 'קוק נישט אויף אלעס'! קוק נישט! לערן! דאווען! טוה מצוות בין אדם למקום! טוה מצוות בין אדם לחבירו! זיי אפגעהיטן במחשבה דיבור - און עס איז חשוב! ווער נישט צובראכן פון קיין דורכפאל - גיי ווייטער! גיי ווייטער!**

## עס זאל דיר נישט אַרן

עס איז טאקע דא ווי דער רבי רעדט פון מחשבות, זאגט דער רבי[נה], "'מה שנעשה מעצמו' זאל דיר נישט אַרן אפילו'! דער רבי זאגט דארט מפורש[נו], אז א מענטש פאלט אריין אין א שלעכטע מחשבה, דאס קומט פון די זוהמא, דאס קומט פון די זוהמות פון דער וועלט, (אדער פון) דער אייגענער זוהמא. און דיין תפקיד איז, זיי עס נישט ממשיך! זיי עס נישט ממשיך! דאס איז דאס! נאר 'טוה'!

---

כי בגודל השגתם העצומה השיגו האמת, כי רבים רחמיו וחסדיו יתברך עד אין חקר וחושב מחשבות לבלתי ידח ממנו נדח אפילו מי שכבר נדח לגמרי חס ושלום. וכל הדיבורים שהצדיקים מחזקים אותנו ומנחמים אותנו ומעוררים ומקיצים אותנו לידע, כי עדיין השם אתנו ובמקומינו ממש כי "מלא כל הארץ כבודו", לא מלבם הוציאו דברים אלה, רק הם דברי ה ממש והוא יתברך בעצמו הודיע לנו הדיבורים הקדושים הללו על ידי הצדיקים ותלמידיהם הקדושים, שנשארו אחר הסתלקותם, לידע כי עדיין השם יתברך עמנו בכל דור ודור ולא יעזוב אותנו לעולם עד יכונן וישים את ירושלים תהלה בארץ. ולעתיד לבוא יזכו לראות זאת בעיניהם ממש בבחינת "**ונגלה כבוד השם וראו וכו כי פי השם דיבר**" (ישעיה מ, ה. עי' מצו"ד שם) (ע"פ ליקוטי הלכות נט"י לסעודה ה"ו, אות פ"ב, מובן)".

**נה.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ט, וזל"ק שם: "ויהיה שב ואל תעשה על כל פנים, הן במחשבה והן במעשה. כי גם המחשבה של אנשים כאלו היא גם כן עשייה, כי גם בעולם העשייה יש מחשבה, וצריך להיות שב ואל תעשה במעשה ובמחשבה כנ"ל. **ומה שנעשה עמו ממילא, אל יחוש ואל יסתכל על זה כלל**".

**נו.** עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ב. וז"ל בסיום התורה: "**אם רוצה להיות ירא ה', ורוצה להתפלל, ואינו רוצה באלו המחשבות רעות, צריך שלא להשגיח עליהם כלל, ושלא יכפת לה מה שעומדים לפניו, ורק יעשה את שלו במה שהוא עוסק, בתורה או תפלה או משא ומתן, ולא ישגיח עליהם כלל**".

ווי נאר דו ביסט עס נישט ממשיך, האסטו צובראכן א מחשבה רעה; מען טראכט ביי זיך: דער אויבערשטער ווייל נישט אז מען זאל טראכטן דער מחשבה - און מען טראכט עס נישט. נאכדעם, וואס טראכט זיך פון זיך אליין איז גארנישט[נז]. אז איך בין עס נישט ממשיך צו טראכטן, נעמט מען ארויס אלטע מחשבות רעות - צוואנציג מחשבות רעות וואס מען האט אריינגעווארפן צו דער סטרא אחרא - און מען נעמט עס ארויס מיט דעם 'שב ואל תעשה' וואס מען איז 'פונה עורף'![נח] דער בעל דבר האט געגעבן א ביטערע מחשבה - און איך בין עס נישט ממשיך צו טראכטן.

און אזוי ווייטער, ביי יעדע זאך ווערט אלץ תיקונים - תיקונים נפלאים; עס זאל דיר נישט אַרן וואס ביז ערשט האסטו דיר נישט געכאפט.

דער "אור החיים הקדוש" זאגט אין א פלאץ[נט], עפעס קומט אויס אזא משמעות, אז עס פאלט איין א שלעכטע מחשבה, איז אין דער ערשטער רגע וואס דו האסט געכאפט אז די פארגאנגענע מחשבה איז נישט גוט און מען טראכט אז דער אויבערשטער וויל נישט אז איך זאל טראכטן דער מחשבה און מען העלפט עס נישט צו - אז

---

**נז.** עי' ספר המידות - ערך 'הרהורים', אות מ"ו: "**החמדה והמחשבה רעה העולה על הלב פתאום, שאין ברשות האדם להמנע ממנה, אין נענשין עליה, אלא כאשר יהרהר וחוזר ומהרהר**".

**נח.** עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא, סי' מ"ט: "ודע, שעיקר התשובה השלימה היא, כשאדם עובר באלו המקומות ממש שהיה מקודם התשובה, כל אחד לפי מה שעבר עליו בימים הקודמים, **וכשעובר באלו המקומות** והעניינים שהיה מתחילה ממש, **ועכשיו פונה עורף מהם**, וכופה יצרו לבלי לעשות עוד מה שעשה **זהו עיקר התשובה השלימה, ורק זה נקרא תשובה!**". גם עי' ליקוטי הלכות הל' גיטין ה"ג, אות כ"ב: "ועל כן אם יזכור אדם זאת בתוקף ירידתו ונפילתו ויאמין זאת באמונה שלימה שדייקא במקומו מסתיר את עצמו השם יתברך בעצמו להחיותו, ומרמז לו רמזים מרחוק לשוב אליו בנקל **בשב ואל תעשה לבד**, אז בודאי יכול לזכות להתקרב אליו יתברך מכל מקום שהוא **ולהפוך הירידה לעליה**, וכמבואר במקום אחר".

**נט.** פר' אחרי (יח, ב) שם בסופו.

מען העלפט עס נישט צו, וועפט עס אויס. וואס עס טראכט זיך אליין, איז גארנישט.

דאס איז א געוואלדיגע ידיעה. ווייל אמאל ווערט מען צובראכן פון וואס עס גייט אויף אים איבער, און מען איז זיך מאשים (- מען באשולדיגט זיך), ווערט שוואך דער מוח, איז מען שוין נישט שולט אויף דער מחשבה[ס]. אבער אז מען ווייסט - פערטיג, אז איך האב זיך ערשט דערמאנט - דאס איז יעצט מיין תפקיד, וואס איז געווען איז געווען, "מה שעבר - אין", ערשט לאמיר עס נישט טראכטן, דאס איז דאס, (זהו עיקר תיקונו).

## טראכט נישט צוריק

דער "פלא יועץ"[סא] זאגט, ווען עס פאלט אים איין א שלעכטע מחשבה, טראכט, רעד צו דיר אליין במחשבה, 'וואס דארף איך טראכטן א שלעכטע מחשבה? איך זאל דארפן זיין במקום השדים? איך זאל דארפן האבן גיהנום פון דעם וואס מען זאל מיר מעניש זיין אויף דעם?' לאמיר אין דער צייט טראכטן 'ווי ווערט מען אַן ערליכער איד? ווי נעמט מען זיך צום לערנען?' טראכט פון סדרים, עבודות, סדרים אין לערנען, עס איז דא גענוג וואס צו טראכטן –

---

ס. עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י', בא"ד: "מה שהעולם רחוקים מהשם יתברך ואינם מתקרבים אליו יתברך, הוא רק מחמת שאין להם ישוב הדעת ... **אך דע, שעל ידי מרה שחורה אי אפשר להנהיג את המח כרצונו, ועל כן קשה לו לַיַשב דעתו. רק על ידי השמחה יוכל להנהיג המח כרצונו, ויוכל לישב דעתו**, כי שמחה הוא עולם החרות, בבחינת (ישעיה נ"ה): "כי בשמחה תצאו", שעל ידי שמחה נעשין בן חורין ויוצאין מן הגלות. ועל כן כשמקשר שמחה אל המח, אזי מחו ודעתו בן חורין, ואינו בבחינת גלות, ואזי יוכל להנהיג את מחו כרצונו ולישב דעתו, מאחר שמוחו בחרות ואינו בגלות".

סא. עיי"ש ערך 'מחשבה': "**ובאמת שהוא שטות גדול שבהיותו יכול להיות מחשב מחשבות טהורות ליראה ולאהבה וכדומה שהן מצות דאורייתא ומקבל עליהן שכר מפנה לבו לבטלה או מהרהר הרהורים רעים שיענש עליהם** על זה נאמר 'אותי עזבו מקור מים חיים לחצוב להם בורות בורות נשברים' והן אמת כי יצר לב האדם רע ואין אדם שליט ברוח אבל עכ"פ חיובא רמיא להתחזק להחליף מחשבות רעות וזרות במחשבות טהורות ולהרגיז יצה"ט על יצר הרע **אפי' אלף פעמים ביום** ויקבל שכר טוב בעמלו שמסייעין אותו מן השמים".

'ווי מען ווערט אַן ערליכער איד, ווי פירט מען זיך מיט גוטע מידות, ווי איז מען זוכה אז די 'מאה ברכות שבכל יום' זאל דורכגיין ווי עס דארף צו זיין, און די דאווענען'ס ווי עס דארף צו זיין, די שיעורי תורה ווי עס דארף צו זיין, און טאקע אפילו די גשמיות'דיגע זאכן זאל זיין מיט דרך ארץ, מיט נימוס, מיט מידות טובות'. **טראכט גוטע זאכן, וועסטו האבן שכר אויף דער מחשבה אליין!** זאגט ער, 'וואס דארפסט דאס? וואס דארפסטו דאס?!'

דאס איז בפשטות "איבערגיין"[סב]. אזוי ווי דער רבי זאגט טאקע ביי דער הקדמה פון "תיקון הכללי", ווען דער פערד איז אראפ פון שביל[סג].

און נישט נאר עס איז געווען א פגם, עס איז גאר א תיקון! דאס איז א תיקון! דער רבי זאגט מפורש אין תורה כ"ז[סד]: **"בְּהַיְנוּ דְעָאל"**; ווי אזוי איז מען מתקן די מחשבות רעות? אז עס פאלט אריין א מחשבה זרה און דו צוברעכסט דאס ווייל דער אויבערשטער האט געהייסן נישט טראכטן, דארטן האסטו עס מתקן געווען.

---

**סב.** עיי"ש: "ועיקר כוונתו היה שהאדם צריך לבלי להתפחד ולהתיירא כלל מדברים כאלו, ולבלי לחשוב מחשבות כלל בענין זה. רק יהיה כגיבור חיל לעמוד כנגד תאוותו, ויסיח דעתו מזה לגמרי, ואל יתפחד כלל. וה' הטוב בעיניו יעשה עמו מה שהוא יתברך חפץ ... ומאד מאד צריכין להתחזק בשמחה תמיד. ואל יפול בדעתו כלל משום דבר שבעולם, אף אם יעבור עליו מה. ואם יהיה חזק בדעתו ולא יתפחד כלל, ולא יחשוב מחשבות כלל, (שקורין **איבער טראכטין**) וילך בתומו בשמחה יזכה לסוף לעבור על הכל בשלום. ודברים כאלו אי אפשר לבאר בכתב. וערום יבין לאשורו".

**סג.** עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' נ': "המחשבה ביד האדם להטותה כרצונו למקום שהוא רוצה, וכמבואר במקום אחר, שאי אפשר שיהיו שני מחשבות ביחד כלל, ואפילו אם לפעמים הולכת מחשבתו ופורחת ומשוטטת בדברים אחרים וזרים, הוא ביד האדם לחזור ולהטותה בעל כרחה אל הדרך הישר, לחשוב מה שראוי. **והוא ממש כמו סוס שפונה מן הדרך וסר לדרך אחר, שתופסין אותו באפסר וכיוצא, ומחזירין אותו בעל כרחו אל הדרך הישר, כמו כן במחשבה ממש**, שיכולין לתפסה בעל כרחה להשיבה אל הדרך הראוי".

**סד.** וזל"ש בסוף התורה: "**ואיך מפיק ומוציא ניצוצי הקדושה שנפלו על ידי פגם הברית?** ואמר להם: **'בהיינו דעאל'** - בזה שנכנס בו רוח. **היינו בזה שנכנס בו רוח שטות, היינו הרהורי זנות, והוא משבר תאותו, בזה הוא מפיק ומוציא ניצוצי הקדושה של פגם הברית**, כי זה הוא בחינת **תשובת המשקל**".

אזוי איז דא פשוט'ע תיקונים, בפשטות, בפשטות. דעם רבינ'ס דיבורים איז ממש א דרך ישר צו השם יתברך, וואס כמעט 'על זאת באנו' [סה].

עס שטייט דאך, אז דער ענין פון צדיק איז 'חיזוק'. התחזקות - זיך שטארקן, דערהאלט זיך! דערהאלט זיך! קינדער, דערהאלט זיך צו השם יתברך! עס שטייט [סו], אז דריי מאל 'חזק' איז בגימטריא 'משה' [סז]. דער אויבערשטער זאל העלפן טאקע.

**חזק חזק ונתחזק!**

---

**סה.** עי' הקדמת מוהרנ"ת זצ"ל על ליקוטי מוהר"ן: "כי אך לזה היתה כונתו הקדושה, לעורר ישנים ולהקיץ נרדמים, **להישיר לבות בני אדם** אחינו בני ישראל אליו יתברך, לאמר לאסורים צאו לאשר בחשך הגלו, לפקח עינים עורות, ולהוציא אסירים בכושרות, להוציא ממסגר אסיר מבית כלא יושבי חשך, האסורים בתאוותיהן, והלכודים בהבליהם, והנדחים בעוונותיהם, להטות לבבם אליו יתברך להשיבם אל ה' באמת **בדרך הישר והנכון לפניהם, בדרך אשר דרכו בו אבותינו מעולם**" וכו', עיי"ש. כמו כן עי' בהקדמת חיי מוהר"ן: "כי כבר פינה (רביז"ל) לפנינו **דרך נכון** על ידו ז"ל, אשר מעתה כל הרוצה לגשת אל הקודש, **בקל יוכל להתקרב אליו יתברך** ע"פ הדרכים הקדושים המבוארים בספריו הקדושים. אשרי שיאחז בהם". גם עי' עלים לתרופה (מכתבי מוהרנ"ת), מכתב מערש"ק פר' נח תקצ"ה: **"ולעורר לבבות בני ישראל להדריכם בדרך אשר דרכו בו אבותינו מעולם, כל עסק זה אין נמצא בעולם עתה כי אם אצלנו בעזרת השם יתברך אשר הוריש לנו אדוננו מורנו ורבנו הנורא והנשגב זכר צדיק וקדוש לברכה"**.

**סו.** עי' מגלה עמוקות, שמות; ספר הליקוטים לאריז"ל, וישב, סי' מ"ח.

**סז.** עי' פרפראות לחכמה (להרב מטשעהרין) על תורה ו' בליקו"מ, וז"ל: "ומי שבקי קצת בספריו הקדושים של הר"ר נתן ז"ל, והכיר אותו בחייו ושמע דבריו ושיחותיו הקדושים ובקי קצת בעניניו וסיבותיו אשר עברו עליו יבין בלבו ויראה בעיני שכלו ממש כי היה מבחינה זו הנ"ל, **כי רוב דבריו המה מהתחזקות בעבודת ה' לבלי לייאש עצמו שום אדם מישראל רק כל אחד ממקומו ידרוש ויבקש את ה'** ... ובאמת רוב שיחותיו הקדושות של הר"ר נתן ז"ל היה בענין זה לחזק את כל אחד מישראל בהתחזקות גדול נפלא ונורא מאוד לבלי יתייאש עצמו חס ושלום לגמרי רק שאיך שהוא אף על פי כן יתעורר ויתחזק מעתה על כל פנים לעבודת השם יתברך ממקום שהוא שם וכו', וכמבואר מזה נפלאות הרבה בספריו הקדושים, **שזה בחינת מה שמצינו שאמר השם יתברך בעצמו ליהושע אחרי פטירת משה ג' פעמים חזק ואמץ, ומבואר בליקוטי תורה בשם האריז"ל כי ג' פעמים חזק גימטריא משה** כי בזה האיר ליהושע הג' בחינות שהיו במשה וכו' וכו' ע"ש".

# עמודי התווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד
להם ולזרעם עד עולם,עם רוב תענוג ונחת
דקדושה כל הימים

# יאמץ לבך

אויף אמונה אליין שטייט (שיחות הר"ן נ"ג): **"מי שיש לו אמונה - חייו חיים!"**. דאס איז נישט נאר פשט אז ער לעבט (- בגשמי), נאר א מענטש וואס איז מקושר צום אויבערשטן, לעבט ער (- ברוחני)! איז מען אפגעריסן פון דעם 'חי החיים', איז מען געשטארבן, עס הייסט נישט געלעבט, עס איז א 'חיים של דמיון'! א חיים וואס א מענטש שפירט דער אמונה הקדושה, דעמאלט לעבט ער, ווייל ער איז דבוק אין 'חי החיים'! חוץ פון דעם אויבערשטן איז אלץ געשטארבן! אז מען איז דבוק אין אויבערשטן, לעבט מען!

נישט נאר וואס ער אליין לעבט, **"מי שיש לו אמונה חייו חיים"**, נאר אלץ לעבט! אז עס שיינט פאר אים אז אלץ איז בהשגחה פרטית, עס איז אלץ פון אויבערשטן, אלץ איז פון אויבערשטן, איז מען פרייליך און צופרידן!

**מען ציטערט נישט פאר קיין זאך! עס איז דא א בורא עולם! אלץ איז פון אים!**

**"אין עוד מלבדו!"**

דורך אמונה ווערן אלע דינים נמתק! עס איז א נייע לעבן, א לעבעדיגע וועלט!

אזוי (– בלי אמונה) מיינט מען אמאל אז עס איז דא א 'סתם' אויף דער וועלט. דער בעל שם טוב זאגט (ליקוטים יקרים דף י"ד ע"ד), **אז מען זאגט "ה' אחד", אפילו א מחשבה וואס א מענטש טראכט, טראכט ער נישט אָן דעם אויבערשטן!**

אין עוד! אין עוד! אלץ איז פון אויבערשטן אליין!

אז מען זעט אז עס איז אלץ פון אויבערשטן – זעט מען אלץ דעם אויבערשטן. דאס איז טאקע פשט וואס עס וועט זיין לעתיד – **"וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ!"** (יחזקאל מג, ), עס וועט שיינען, יעדער נברא שיינט אויפן בורא, יעדער נברא איז מעיד אויפן בורא! **"וְנִגְלָה כְּבוֹד ה'!"** (ישעי' מ, ה).

עס איז טאקע ידוע (נוצר חסד – קאמארנא, אבות פ"ו), דער אויבערשטער האט געגעבן פארן בעל שם טוב א שליסל פון מופתים, אבער עם כל זה האט ער עס נישט געמאכט מיט קיין איין זאך – נישט מיט קיין שמות, נישט מיט קיין השבעות, נאר ער האט געגעבן א 'זיי ממליך דעם אויבערשטן' אז די זאך איז פון אויבערשטן אליין, און דער אויבערשטער אליין קען העלפן – אליין, לבד לבד, איז אראפ די ישועה! די טבע האט געפלאצט, עס איז נתגלה געווארן דער ישועה!

**אלע מופתים האט ער אזוי געמאכט, מיט 'אמונה פשוטה מאד'!**

(דברות קודש בכינוס עצרת חג פסח שנת תש"ס לפ"ק)